מכון
שער הבטחון
פותחים שער לחיים שלווים

# השגחה פרטית

וואונדערליכע 'השגחה פרטית' מעשיות פון היינטיגע צייטן - דערציילט אויף דער השגחה פרטית האטליין

פרשיות **ויצא - וישלח** תשפ"ו ◆ עלון מס': **176**

## דברים שבלב

אויסצוגן פון די שיעורים אין 'שער הבטחון' פון ספר חובת הלבבות

### א פלאן פאר א רואיגע לעבן

תוחלת צדיקים שמחה

אין די היינטיגע שיעור וועלן מיר לערנען א שטיקל רבינו יונה.

דער רבינו יונה איז אין זיין פירוש אויפ'ן פסוק אין משלי [י, כח] "תוחלת צדיקים שמחה".

שלמה המלך, דער חכם מכל האדם, זאגט פאר'ן מענטש אז אנדערש פון דער רשע אויף וועמען ער זאגט 'ותקות רשעים תאבד' אז זיין האפענונג איז פארוויקלט מיט ווייטאג און ביטערניש, איז די האפענונג פון א צדיק, עס איז פול מיט שמחה.

די מפרשים אויפ'ן ארט מוטשענען זיך זייער אפצולערנען פשט אין די ווערטער פון משלי.

ווען א מענטש האפט אויף עפעס און ער דערגרייכט זיין האפענונג קומט אריין דער זיין **בשמחה**, אבער ווי אזוי איז שייך צו זאגן אז דער עצם 'האפן' אויף א זאך זאל זיין א פרייליכער זאך.

דער רבינו יונה אויפ'ן ארט האט אויף דעם צוויי מהלכים.

דער ערשטער מהלך איז איבער די קירבת אלוקים וואס דער צדיק איז זוכה דערצו ווען ער האפט אויף עפעס. ווען א איד האפט אויף עפעס בעט ער און זיינע בעטענישן איז אים מקרב צו הקב"ה, אבער אויפ'ן ארט ברענגט ער אראפ נאך א מהלך און היינט וועלן מיר זיך שטעלן אויף די צווייטע מהלך.

די צווייטע מהלך, וועלכע איז מסביר די שמחה פון א צדיק, ווען ער האפט אויף א זאך, איז כלשונו אויפ'ן ארט: **ואם לא יגיע הענין שמייחלים עליו, תהיה צדקת התוחלת סיבה לתועלות וחסדים רבים ונכבדים מן הענין אשר ביקשה נפשם, ככתוב** (תהלים לב, י): **"הבוטח בה' חסד יסובבנו"**.

דער רבינו יונה איז מגלה א מורא'דיגע זאך אין זיינע ווערטער. עס טרעפט זיך זייער אסאך אז א איד איז אין א צרה. עס איז אים ביטער אויפ'ן הארצן און ער טוט וואס ער דארף צו טון אין אזא צייט. ער איז זיך מחזק אין אמונה און אין די זעלבע צייט גיסט ער אויס זיין הארץ פאר הקב"ה.

פון טיפעניש פון הארץ בעט ער און בעט פון הקב"ה אז ער זאל אים ארויסנעמען פון די צרה, אבער עס ווערט אים נישט בעסער, ווייל הקב"ה ברוב רחמיו פארשטייט אז די צרה איז פאר זיין טובה.

אזא איד קען באקומען די הרגשה אז זיין תפילה איז פארלוירן געגאנגען, אבער דאס איז א טעות! קיין איין תפילה גייט נישט לאיבוד, די תפילה וועט אים צוניץ קומען ערגעץ אנדערש.

עס טרעפט זיך אז א איד האט א געוויסע קרענק. פון הימל האט מען פארשטאנען אז פאר זיין טובה וועגן איז גוט אז ער זאל האבן די צרה. דער איד דאווענט און בעט זיך איין אז מ'זאל אים ארויסנעמען פון די צרה, אבער עס רירט זיך נישט.

אין די זעלבע צייט ווערט ער געהאלפן אין א צווייטער געביט, אלע זיינע חובות וואס ער האט געהאט, די ארעמקייט אין שטוב, גייט אוועק. עס מישט זיך איבער פאר אים א נייער בלאט. דער איד שטעלט נישט צוזאמען די צוויי זאכן, אבער אין הימל שטעלט מען עס יא צוזאמען.

עס איז אנגעשריבן אז ער זאל ליידן פון די קרענק, אזוי דארף עס זיין, דעם פעקל קען מען נישט רירן פון פלאץ, אבער ער האט געדאווענט, ער האט איינגעריסן וועלטן און די תפילות האבן גע'פועל'ט אויף א צווייטן ארט, ער איז ניצול געווארן פון זיינע חובות, ער האט באקומען א הרחבה אין געלט זאכן.

דאגעגן זיין שכן מוטשעט זיך מיט חובות. ער שלאפט נישט קיין נעכט וועגן געלט זאכן. ער דערהייבט עס נישט. ער רייסט איין וועלטן ביי הקב"ה ער זאל האבן די ישועה, אבער עס קומט נישט אן, אבער ער ווייסט נישט אז ראש השנה האט מען אנגעשריבן אויף אים ער זאל זיך צוברעכן א פוס און דארפן אָפּליגן אין בעט דריי חדשים, און מיט די תפילות האט ער עס ממתיק געווען.

דאס זאגט דער רבינו יונה, די תוחלת פון דעם צדיק, זיין האפענונג, זיינע תפילות - שמחה - ברענגט אויף אים א שמחה ווייל עס איז אים מציל און עס איז ממשיך פאר אים שפע, אפילו אז ער ווייסט נישט וואו עס קומט אן.

די נקודה דארף אונז באגלייטן, מיר דארפן געדענקען די פונקט, אז א תפילה גייט נישט לאיבוד, אז עס פועל'ט למעלה, אפילו אז מיר ווייסן נישט וואו עס גייט, גייט עס אבער אויף גוטע פלעצער.

(ארויסגענומען פון שיעור 422 אין שער הבטחון)

**די שיעורים ווערט ארויפגעלייגט דורכאויס די וואך - מען קען עס הערן ביי נומער 4** [נאכן אויסוועלן די שפראך וואס איר ווילט הערן]

## די וועכענטליכע השגחה

### דער סוד צו עשירות - שֵׂכֶל

א גוטער ידיד מיינער טרעפט מיר די וואך און פרעגט מיר - ווילסט ווערן אן עושר?

עס איז נישט קיין שלעכטער געדאנק.

ער דערציילט מיר אז איינער פון די גרעסטע עשירים אין די וועלט האט די וואך געזאגט אז ער גייט ארויסגעבן דער סוד ווי אזוי מען קען ווערן רייך.

פונקט יענער טאג האב איך געלערנט די גמרא, וואס רעדט אויך איבער די סוד צו עשירות..

די גמרא אין סנהדרין [צב, א] זאגט אמר רבי אלעזר: "כל אדם שיש בו דעה - לסוף מתעשר".

דער מהרש"א אויפ'ן ארט פרעגט אז דער מאמר חז"ל שטימט נישט מיט דער באקאנטער פסוק 'לא לחכמים לחם' אז עשירות איז תלוי במזל און נישט אין קלוגשאפט?

ער ענטפערט אז דער מאמר חז"ל איז געבויט אויף די גמרא (נדה ע', ב'):

"מה יעשה אדם ויתעשר? אמר להן: ירבה בסחורה, וישא ויתן באמונה. אמרו לו: הרבה עשו כן ולא הועילו! אלא: יבקש רחמים ממי שהעושר שלו".

די גמרא פרעגט וואס זאל א מענטש טון און ווערן רייך? די תשובה איז אז ער זאל האנדלן.

פרעגט די גמרא אז אסאך האבן געהאנדלט אבער זיי האבן נישט מצליח געווען? ענטפערט די גמרא: נאר, "יבקש רחמים ממי שהעושר שלו""

אין די גמרא איז משמע אז מען דארף האבן ביידע. מען דארף האנדלן און אויך מתפלל זיין למי שעשירות שלו, ווייל דאס איז דער סדר. ערשט איז מען מרבה בסחורה, מען האנדלט, מען זעט אז עס גייט נישט, דאן הייבט מען זיך אן צו כאפן אז מען האט פארגעסן צו בעטן.

מען איז מתפלל און די עשירות קומט צו גיין.

דאס איז פונקט וואס רבי אלעזר זאגט אז מען דארף האבן שכל, מען דארף האבן שכל צו בעטן, צו וויסן אז אלעס פירט זיך פון אויבן, און דאס איז די דיעה.

מען האט די דיעה אז די גאנצע השתדלות העלפט נישט, אז די שליסל צו די עשירות ליגט ביי דער טאטע אין הימל, און אז נאר ווער עס בעט אויף עשירות - ווערט באמת רייך.

**א גוט שבת**
**פינחס שפר**

**השגחה פרטית האטליין**
אידיש. העברעאיש. ענגליש.

שליסט זיך אויך אן אין די צענדליגע טויזנטער אידן איבער דער גארער וועלט וועלכע האבן געמאכט א טויש אין זייער לעבן - קלינגט:

פון ארץ ישראל 02-30-11-300 • פון אמעריקע 151-86-130-140 • פון ענגלאנד 0-330-3900-489 • פון בעלגיע 0-380-844-28
פון אוסטרליע 613-996-10005 • פון דרום אפריקע 87-551-8521 • פון ארגענטינע 3988-4031 • פון אוקריינע 380-947-100-633 • פאר דער פרויען אפטיילונג פון די השגחה פרטית האטליין דרוקט 4 ביי די מעין מעניו

# ניסיך שבכל יום

## וואונדערליכע השגחה פרטית געשיכטעס דערציילט אויף די השגחה פרטית האטליין

## סנעיל - מה הוא אומר

איין צופרי בין איך אויפגעשטאנען און איך האב געטראפן אין קאך א קליינע 'חילזון' אדער סנעיל בלע"ז.

איך האב עס פארקוקט גלייבנדיג אז עס איז אן איינצעלע גאסט, נאך דעם וואס איך האב עס ארויסגערוימט פון שטוב, האב איך געמיינט אז איך בין לויז געווארן פון זיי, אבער איך האב געלעבט אין א גרויסן טעות.

אויף צומארגענס איז געקומען נאך און נאך, אז עס איז נישט געווען קיין עק צו זיי.

איך האב פראבירט זיי צומאכן ענג דעם ווען אבער זיי האבן באשלאסן אז זיי גייען מיר לערנען לקח. איך בין געווען אובד עצות. טראכטנדיג איבער אן עצה האב איך באשלאסן אז איך וועל זוכן א רמז אויף די בעל חי. איך האב געקוקט אין פרק שירה און געוואלט זען וואס א סנעיל זאגט, אפשר וועל איך קענען פון דעם ארויסנעמען א געוויסע נקודה.

אין פרק שירה איז נישט געווען אזא בעל חי. נישט טרעפנדיג אזא בעל חי האב איך געזוכט עליך צו דעם, און באגעגנט דער בעל חי 'שבלול'. איך האב געקוקט אין פרק שירה און געטראפן אז דער שבלול זאגט 'כמו שבלול... בל חזו שמש'.

אין די מפרשים שטייט אז די שבלולים זענען א משל קעגן די מענטשן וואס רעדן לשון הרע.

אין ילקוט שמעוני שטייט: אמר להם הקב"ה, אמרתם לשון הרע, אתם הולכים לגיהינום והאש אוכלת אתכם, שנאמר 'כמו שבלול תמס יהלוך'... ואין רואים השמש לעולם.

דער מעסעדזש איז געווען קלאר, איך דארף זיך פארבעסערן אין שמירת הלשון. איך האב געוואוסט אז אין די לעצטער צייט בין איך געשלאגן דערינען. מיין פרוי ארבעט אין א געוויסער ארט, זי איז זייער נישט צופרידן פון די ארבעט און אהיימקומענדיג געבט זי זיך אויס און בארעדט די גאנצע ארבעט.

איך וואלט איר געקענט זאגן גלייך אז מיר גייען מער נישט רעדן דערוועגן, אבער דאס איז געווען זייער שווער פאר איר. אהיימקומענדיג דערביטערט האט זי געדארפט אויסגעבן די ווייטאג. איך האב זיך פארבינדן מיט א רב וואס איז באקאנט מיט די הלכות און זיך דורכגערעדט מיט אים ווי אזוי מען קען באוויזן ביידע.

דער רב האט גע'עצה'ט צו רעדן בכללות איבער די שוועריגקייט, נישט איבער דעם און יענעם.

מיר האבן זיך פאַרגענומען און מיטאמאל האט די צאל סנעילס אנגעהויבן אראפצוגיין, עס איז געווארן ווייניגער און ווייניגער, ביז ווען עס האט אויפגעהערט קומען אינגאנצן.

## כבוד התורה פאר א גליון - די הצלה פאר מיינע חידושי תורה

צווישן די מערערע ספרי קודש וואס איך האב ביי מיר אין שטוב געפינט זיך איין ספר וואס פארמאגט ביי מיר א שטארקע חשיבות, די ספר פון מיינע פריוואטע חידושי תורה.

עס איז טייער וויל איך איר ליגט אסאך טייערע צייט פון מיין

## א 'מנחה' לעילוי נשמת זיין טאטע

איך וואוין אין ירושלים עיה"ק אבער 'מצודתי' פרוסה' ביז קיין אשקלון. מיט יארן צוריק האב איך געקויפט א דירה אין די שטאט אשקלון, די דירה פארדינג איך און דאס דעקט מיין רענט אין ירושלים.

עס איז געווען דער פארלאפענער זומער זמן און ווען איך האב אונטערגענומען א רייזע קיין אשקלון דארפנדיג זיין דארט צו פארריכטן א געוויסע קלייניגקייט אין די דירה. זייענדיג דארט האב איך פארראכטן די פעלער און זיך געגרייט צוריקצופארן קיין ירושלים עיה"ק.

ארויסגייענדיג פון די דירה אויפ'ן וועג צוריק קיין ירושלים איז ארויסגעקומען פון א צווייטע דירה א איד וועלכער וואוינט אויך אין די זעלבע בנין.

"איך זע אז די דירה געהער פאר דיר", געבט ער מיר א זאג.

איך האב צוגעשאקלט מיט'ן קאפ.

"איך וויל אז דו זאלסט וויסן אז וואך איין, וואך אויס, מאך איך ריין די גאנצע בנין".

איך האב זיך באדאנקט פאר אים און אים ארויסגעלויבט זאגנדיג אז עס איז קענטליך אז די געבידעדע איז ריין.

"קיין איינער צאלט מיר נישט פאר דעם. דער שוכר וואס דינגט דיין דירה, צאלט נישט קיין שקל פאר דעם".

דער ריינגן די דירה האט נישט מיט'ן בעל הבית. עס איז אן ענין וואס געהערט צו די וואס וואוינען אין די בנין, אבער זעענדיג אז עס באדערט אים אזוי האב איך רחמנות געהאט אויף אים און אים געזאגט אז איך וועל אים באצאלן פאר די סערוויס וואס ער שטעלט צו.

"זאג מיר וויפיל עס קומט זיך דיר, און כ'וועל דיר עס געבן".

דער איד האט געווארפן א סומע.

"איך האב נישט קיין קעש אויף מיר, זאג מיר וואו איז דא אין די געגענט אן עי. טי. עם. מאשין און כ'וועל ארויסנעמען קעש פון די מאשין און דיר עס געבן".

דער איד האט מיר צוגעפירט, און צוזאמען האבן מיר אראפשפאצירט די גאס אין ריכטונג פון אזא מאשין.

גייענדיג אויפ'ן וועג זענען מיר אריבער א שול. עס איז געווען מנחה צייט. וויסנדיג אז איך וועל נישט אנקומען באצייטנס אין ירושלים אויף א מנין, האב איך באשלאסן אז כ'גיי דא דאווענען מנחה.

"אפשר דאווענען מיר ערשט מנחה", האב איך א זאג געגעבן צו דעם איד. דער איד, נישט קיין פרומער איד, האט געטראכט א רגע, אבער דאן האט ער באשלאסן אז יא, ער וועט מיטדאווענען מיט מיר מנחה, און נאך מנחה וועלן מיר ממשיך זיין אין ריכטונג פון די עי. טי. עם. מאשין.

דער איד האט זיך געשטעלט דאווענען מנחה, איך האב אים אינזינען געהאט ביי השיבנו, אז הקב"ה זאל עפענען זיין הארץ צו תשובה, אבער דאן, ביים סוף דאווענען, האט מיר אפגעוואונדערט אן איבערראשונג, דער איד האט געזאגט קדיש 'יתום נאך עלינו.

איך האב זיך געוואונדערט אויף אים, אבער דאן האט ער מיר געגעבן צו פארשטיין פארוואס ער האט עס געטון.

"איך האב היינט יארצייט נאך מיין טאטע, איך האב זיך דערמאנט פון דעם ביים דאווענען".

עס איז געווען א השגחה פרטית, איך האב געמיינט אז כ'גיי מיט אים צו דער מאשין וויל איך גיי אים געבן געלט, אבער פון הימל האט זיך אזוי געפירט, די אמת'ע סיבה איז געווען ער זאל קענען דאווענען פאר'ן עמוד אין די יארצייט טאג פון זיין טאטע.

## די כח פון כשרות

עס דערציילט ר' חיים פון די שטאט ירושלים:

איך האב א גוטער ידיד וואס האט גענומען אויף זיך א זעלטענע מצוה.

## מפיצים אמונה ומחיים נפשות

איך שפיר אז כ'מוז אויסדרוקן פאר אייך מיין טיפער דאנק פאר די שיינע און רייכע טעלעפאן ליניע מיט די שיעורים און שמועסן וואס איר שטעלט צו. עס איז א גרויסע זכות, איר זענט מזכה את הרבים און בלאזט אריין אין טויזנטער לבבות מישראל א שלוה, א חיזוק צו קענען אנגיין ווייטער מיט זייער עבודת ה'. איך האב זיך מתבונן געווען איבער אייער איינפלוס, איך האב געטראכט צו מיר, אז אין די לעצטערע יארן איז כלל ישראל אריבער שווערע צייטן, מלחמה'ס, טראגעדיעס. עס איז זיכער אז איר זענט געווען א רפואה למכה, צו געבן די כוחות פאר יעדן איד צו קענען ביישטיין די שווערע צייטן. איך באדאנק אייך און כ'ווינטש אייך אז איר זאלט האבן כח צו קענען אנגיין ווייטער און ווייטער מיט אייער עבודת הק'.

## מפיצים אמונה ורואים ישועות

שוין לאנגע יארן וואס פאר פרנסה וועגן בין איך א שוחט. איך האב געהאט א קביעות'דיגע ארבעט ביי איינעם אבער לעצטענס בין איך אריבער א שווערע תקופה, איך האב נישט געהאט קיין ארבעט. דער נישט האבן קיין ארבעט איז געווען זייער א שווערע איבערגאנג. איך האב נישט געהאט קיין פרנסה. אין יענער צייט האב איך באשלאסן אז טראץ די ענגשאפט וועל איך ווערן א שותף אין די גרויסע מצוה פון מפרסם זיין 'השגחה פרטית' און אמונה בה' יתברך. איך האב גע'חתמ'ט אויף א קביעות'דיגע סומע פון געלט וועלכער וועט יעדער חודש ארויסגיין פון מיין קאונטע לטובת דער הייליגער מפעל. יענער טאג וואס איך האב גע'חתמ'ט, האט מען מיר געקלינגען פארשלאגן א קביעות'דיגע ארבעט צו פארן קיין אויסלאנד, די ארבעט איז א שיינע ארבעט און בעזר ה' וועט עס אריינברענגען א שיינע הכנסה.

וויסנדיג אז אסאך יונגען פון ארץ ישראל פארן ארום אין די וועלט אויף אטראקציעס און קומען אן צו די פאררוקטסטע ערטער אין די וועלט - האט ער אין די פארשטופסטע ארט אין די וועלט אויפגעשטעלט אן ארט וואו אידן קומען זיך צוזאמען און זענען זיך מחזק אינאיינעם.

דער הויז געפינט זיך אינמיטן א ליידיגער מדבר, אין די ווייטסטע ארט אין די וועלט, די יונגען קומען אן אהין אין ראם פון זייער אויספלוג.

וואס עס ציט זיי אהין איז די עסן. זוכנדיג פיינע עסן דערקוויקן זיי זיך דארט מיט די עסן, אבער ווען זיי זענען שוין דארט איז ער זיי מכבד מיט סידורים, טליתים און תפילין און אזוי ווייטער.

ווי דער איד איז מעיד געשען דארט אינטערעסאנטע זאכן. דווקא אין די ווייטע ארט דערוועקט זיך אין זיי דער אידישער פונק און זיי קומען צוריק צו הקב"ה און צו אידישקייט.

איין וואך האט דער איד זיך געגרייט צו מאכן א גרויסע סעודה האבנדיג אסאך געסט אויף שבת. זוכנדיג אז די געסט זאלן האבן כשר'ס צו עסן האט ער זיי אוועקגעזעצט ביים טיש און געבעטן איבערצוקוקן די ארבעס באנדלעך צי עס ריין פון ווערים.

ער האט זיי אויסגעלערנט ווי אזוי מען מאכט עס, און זיי האבן אנגעהויבן איבערצוקוקן די ארבעס איינער נאך די אנדערע. די יונגען זענען געזעצן אויף די ערד און געקליבן די ארבעס און עס אריינגעגאסן אין א גרויסער טאפ עסן.

א שטיק צייט איז פארביי, און ביים ענדע האט מען געטראפן עטליכע קריכענדע מארישקעס אויף די ערד. דער איד זעענדיג דאס האט געהייסן איבערדרייען דעם טאפ און אנהייבן די בדיקה פונדאסניי.

עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אויפ'ן ערד איז געקראכן די מארישקעס און זיי האבן זיך אריינגעכאפט צווישן די ארבעס און זיי קאליע געמאכט. צווישן זיי איז געזעצן א בחור, וועלכער איז געווארן זייער איבערגענומען זעענדיג ווי ערנסט מען נעמט די כשרות. ער איז געווארן גערירט און זיך אנגערופן צו אלעמען אז ליידער איז ער זייער ווייט פון אידישקייט, ער היט נישט גארנישט, איין זאך היט ער און דאס איז כשרות.

אז מען פארט ארום איז זייער שווער צו היטן כשרות, מען טרעפט זיך אויף פלעצער וואו עס איז נישט דא קיין כשר'ס און מען קען גארנישט ארייננעמען אין מויל אריין.

"איך האב געטראכט אז איך גיי אויפהערן מיט דעם, אבער קומענדיג דא און זעענדיג ווי ערנסט מען נעמט עס - ציה איך צוריק, איך גיי יא אנהאלטן מיין קבלה צו היטן כשר'ס".

דער איד האט אויסגעפירט אז עס איז ווערד געווען די גאנצע הארעוועניע מיט די ארבעס, צו הערן אז אין דעם זכות האט א בחור זיך געשטארקט צו היטן כשרות.

## געטראפן די תפילין אין די ריכטיגע מינוט

איין טאג האב איך באשלאסן אז איך גיי מאכן סדר אין די כולל. פאר א לאנגער צייט איז דער ארט מורא'דיג אנגעווארפן, עס זאמלט זיך שמוץ אויף שמוץ, אבער יעצט איז געקומען די צייט צו מאכן סדר אין איר.

איך האב זיך נישט געגרייט צו טרעפן דארט אינטערעסאנטע זאכן, אבער נישטערנדיג צווישן די אלטע שמאטעס האב איך זיך באגעגענט מיט אן אור אלטער זעקל פון טלית און תפילין.

קוקנדיג אויפ'ן נאמען האב איך געזען אז איך קען דער איד, ער לעבט שוין נישט, ווי עס זעט אויס, פלעג ער האלטן די תפילין אין שול און עס איז געבליבן דא פון דאן.

נו, וואס טוט מען יעצט מיט דעם? טראכטנדיג וואס איך גיי טון דערמיט, האב איך זיך פארבינדן מיט די יורשים. אויפ'ן טעלעפאן איז געווען א טאכטער פון דעם איד. הערנדיג פון וואס די רעדע איז האט זי נישט געקענט קומען צו זיך פון התרגשות.

וואס איז געשען? האב איך זיך געוואונדערט. לשמחה מה זו עושה? די תשובה איז געווען אז זי גרייט זיך אויף א בר מצוה אין שטוב ואין פרוטה לפורטה. טראכטנדיג פון וואו עס וועט זיין געלט אויף תפילין זענען זיי געווען הילפלאז, און דא האסטו אריינגעקלינגען, יעצט האבן מיר שוין תפילין פאר'ן קינד.

עס איז געווען א השגחה פרטית אז מען האט געטראפן די תפילין אין די ריכטיגע מינוט.

לעבן, אבער אויך ווייל אויף די גאנצע וועלט איז נישט דא נאך אן עקזאמפלער פון די ספר.

פאר לאנגע יארן האב איך איר געשריבן א שורה נאך א שורה, ביז ווען עס איז געווארן אנגעפולט.

נאך די הקדמה וואס איך האב דא געמאכט, קענט איר אליין פארשטיין אז ווען איך בין אויפגעשטאנען איין צופרי און געוואלט צולייגן א שורה צו די ספר און איך האב עס נישט געטראפן, בין איך געווארן אויס מענטש פון דעם.

איך האב אנגעהויבן זוכן און זוכן אבער 'ואיננו', דער ספר איז נישט דא!

עס האט גענומען צייט ביז ווען איך בין געקומען צו זיך פון די פארלוסט. דער אמת איז אז איך האב קיינמאל נישט אויפגעגעבן אויף איר, אין הארץ איז אלעמאל געבליבן א האפענונג, אז איין טאג וועל איך איר נאך טרעפן.

איין טאג, האב איך געמאכט סדר אין די ספרים שאפע, האלטנדיג אינמיטן סארטירן די ספרי קודש, האב איך באמערקט ווי א תורה'דיגע גליון איז אריינגעפאלן אונטער די שאפע. אנצוקומען צו די צווייטע זייט שאפע איז נישט א גרינגע מעשה, אבער אז מען רעדט פון כבוד התורה, האב איך זיך אנגעשטרענגט.

מיט אלע מיינע כוחות האב איך זיך אריינגעבויגן אין איר, איך האב אויפגעהויבן דער גליון און וואס טרעף איך דארט? די פארלוירענע חידושי תורה באנד.

עס איז זיכער אריינגעפאלן דארט בטעות, ווען נישט כ'בין זיך מטריח עס ארויסצונעמען פון דארט, וואלט איך עס קיינמאל נישט געטראפן. איך האב זיך אנגעשטרענגט פאר 'תורה' און באקומען דערפאר 'תורה'.

## מער געלט און מער מנוחה

עס דערציילט א איד פון צפון ארץ ישראל:

פאר לאנגע יארן האב איך א געשעפט אין די שטאט וואו כ'וואוין. אלע יארן האב איך אריינגעלייגט אסאך כח און מח אין די געשעפט. טאג טעגליך פלעג איך אויפשטיין צופרי און שוין זיין אין די געשעפט אכט אזייגער צופרי און עס פארשפארט אכט אזייגער ביינאכט.

איך האב געארבעט שעות לאנג יעדן טאג אין איין ציה שפירנדיג אז איך מוז דאס טון פאר פרנסה, אז אנע דעם וועל איך נישט האבן קיין פרנסה.

פאר די לייענער פון די גליון וועלכע זענען געוואוינט צו לעבן מיט אמונה און בטחון וועט מיין התנהגות זיך הערן אויפפאלענד, אבער אלע מיינע יארן וואס איך בין געווען אין געשעפט, האב איך געלעבט אין א שטענדיגער פחד, וואס וועט זיין מיט מיין געשעפט, ווי אזוי וועל איך האבן געלט? איך האב רעספעקטירט מיינע קליענטן און זיי נאכגעלאפן, איך האב נאר מורא געהאט אז זיי וועלן גיין צו מיין קאנקורענץ.

אויך אויף די עלטער האב איך געלעבט מיט דאגה, זארגנדיג וואס וועט זיין מיט די געשעפט, ווער וועט מיר מפרנס זיין.

אין א געלעגנהייט האט דער בורא כל העולמים מיר ליכטיג געמאכט אין די אויגן, איך האב זיך באגעגענט מיט דער ספר 'חובת הלבבות' און אנגעהויבן לערנען שער הבטחון. איך האב עס געלערנט בעיון רב און אנגעהויבן אנערקענען אז פרנסה קומט פון הימל, אפגעזען וויפיל השתדלות איך וועל מאכן.

פון דאן אן האב איך אויפגעהערט צו לעבן אין שרעק, אין פחד פון די קאנקורענצן, איך האב געמיינט אז איך וועל דערלייגן געלט, אבער למעשה האט פאסירט פונקט די פארקערטע.

די געשעפט שליסט זיך שוין זעקסע נאכמיטאג, איך לערן מער אבער איך פארדין אויך מער, אז מען האט אמונה לעבט מען רואיגער און מ'פארדינט אויך מער.


## טייערע לייענער

לעת עתה ווערט אונזער גליון דאהי נאר פארשפרייט אין די אי מעיל'ס אדער אין די געדורקטע קובצים פון די גליונות.

מיר האפן זייער שטארק אז בקרוב וועלן מיר קענען דרוקן עקסטער אונזער גליון אבער אויף דערווייל שטעלן מיר צו די מעגליכקייט איר זאלט עס קענען דרוקן פאר א מינימאלישע פרייז.

אויב ווילט איר מזכה זיין די מתפללים אין אייער בית המדרש אדער פארטיילן די רייכע גליון אין אייער געגענט

פארבינדט זיך מיט אונז

אויפ'ן נומער - 9722-6-313-742

## נעם דו אויך א חלק אין די באוועגונג אויסצושפרייטן אמונה איבער די וועלט

און זיי זוכה צו די הייליגע הבטחה פון זוה"ק

צו האבן קינדער און קינדס קינדער יראים ושלמים

**רוף יעצט אריין: 02.6313.742** אדער אין ליין פון השגחה פרטית **02.30.11.300** |דריקט 6

| העברה לבנק לאומי | משלוח בדואר | בעמדות נדרים פלוס |
| --- | --- | --- |
| בנק 10 \|סניף 902 \| חשבון 57390056 | לת.ד. 5475 ירושלים | ע"ש השגחה פרטית |

# לשונם הזהב

השגחה פרטית בספרים הקדושים

## הקב"ה איז מנסה די צדיקים - ווייל ער וויל זיי געבן מער שכר

כן הדבר וכך היא המידה, שהקב"ה מנסה ולא כל אדם, אלא מנסה הוא את חסידיו. [...] ומהו הניסיון הזה? שיבוא עליהם בעבודתו של הקב"ה ובעשיית מצוותיו טורח ועמל. לפי שיש בני אדם שעושין מצוות ומעשים טובים כשידם משגת וכשהן בשלווה וברווח, אבל מתוך הדוחק או כשהעבודה באה עליהם בטורח ועמל גדול, אינן עושין, לפיכך הקב"ה מטריח על יראיו בקצת ניסיון, כדי שיקבלו מצוות ויעשו אותם מתוך הטורח, כדי שיהא שכרם באותן מצוות כפול ומכופל. ולמה מנסה אותו, והלא גלוי וידוע לפניו יתברך אם יקבל אותו חסיד המנוסה עבודה וטורח זה? אף על פי כן, אין שכר האדם בכח אמונה שלו - כשכרו בפועל ומעשה, ונמצא מזכה אותו להוציא דרכיו הטובים לפועל ולמעשה.

(שער הגמול לרמב"ן פ"ב)

### די 'ניסיונות' פון די צדיקים

**כתיב** (תהלים יא, ה): **"ה' צדיק יבחן ורשע ואוהב חמס שנאה נפשו"**. עס וואלט געדארפט שטיין 'ה' צדיק אוהב ורשע ואוהב חמס שנאה נפשו' פארוואס שטייט ביי א צדיק אז הקב"ה איז אים בוחן (פרובט אים אויס) ווי עס שטייט ה' צדיק יבחן? זאגט דער מדרש אז דער צדיק איז הקב"ה בוחן אבער דער רשע איז ער נישט בוחן.

דער מדרש געבט צו פארשטיין פארוואס דער 'צדיק' איז ער יא בוחן און די רשע נישט. **אמר רבי יונתן:** האט רבי יונתן געזאגט משל למה הדבר דומה צו אן אוּמָן וואס האט **היוצר** געשאפן א כלי חרס **הזה:** ווען דער אומן ענדיגט די ייצור גייט ער בודק זיין די כלים אבער ער איז נישט בודק אלע כלים **אינו בודק קנקנים מרועעים** - די שלעכטע און שוואכע קריגעלעך איז ער נישט בודק **שאינו מספיק לקוש עליהם אחת עד שהוא שוברם. ומי הוא בודק? בקנקנים יפים אפילו מקיש עליהם כמה פעמים אינם נשברים. כך אין הקדוש ברוך הוא מנסה את הרשעים אלא את הצדיקים שנאמר: "ה' צדיק יבחן"**, **וכתיב** (בראשית כב, א): **"והאלקים נסה את אברהם"**.

**אמר רבי יוסי בן חנינה** האט רבי יוסי בן חנינה געגעבן א משל צו **הפשתני הזה** - אן אומן וואס שאפט פלאקס: **בשעה שהוא יודע שהפשתן שלו יפה, כל שהוא כותשה היא משתבחת, וכל זמן שהוא מקיש עליה היא משתמנת ובשעה שהוא יודע שהפשתן שלו רעה, אינו מספיק לקוש עליה אחת עד שהיא פוקעת כך אין הקב"ה מנסה את הרשעים אלא את הצדיקים, שנאמר: "ה' צדיק יבחן".**

**אמר רבי אלעזר: משל לבעל הבית שהיה לו שתי פרות, אחת כחה יפה ואחת כחה רע. על מי הוא נותן את העול, לא על זאת שכוחה יפה? כך הקדוש ברוך הוא מנסה את הצדיקים, שנאמר: "ה' צדיק יבחן".**

(מדרש רבה בראשית לב ג')

## מען געבט נישט פאר'ן מענטש נסיונות וואס ער קען נישט דערהייבן

לא נותנים לישראל שום עבדות ושום שעבוד אלא רק כשיש תיכף מוכן מקודם עבורו חירות, וכן כל גזירה וצרה ר"ל שולח השי"ת רק באופן שיהיה באפשרי לעמוד בהן, ובאם לאו מוכרחים להתבטל. אין נותנין לאדם מצר והסתר יותר מכפי כוחו, רק בכח כל אדם לעבור המצר וההסתר פנים שיש לו.

(חידושי הרי"ם)

## נאר לויט וויפיל ער קען דערהייבן

כנשר יעיר קנו. [...] יתבאר על דרך אומרם ז"ל (ויק"ר פי"ז) כי כשישראל עוברים רצונו, אין בעל הדין נוגע בנפשות תחילה, אלא מתחיל להעירו בנגעי בתים אחר כך בנגעי בגדים וכו'. והוא מאמר "כנשר יעיר קנו", כמו כן ה' מעורר בניו, גם מעוררם כפי היכולת שיוכלו עמוד בו, כאומרם ז"ל שאין ה' מנסה האדם אלא בשיעור שיוכל לסבול.

(אור החיים פרשת האזינו)

# א פינטעלע ליכטיגקייט

אויסצויגן פון שיעורי המשפיעים אין האטליין

## א נקודה פון דער וואונדערליכער שיעור פון הרה"צ ר' בעריש שנעעבאלג שליט"א

## די מפתח צו שלוה און צו שפע - טראכטן פון אנדערע

ווער וויל דען נישט מצליח זיין אין לעבן? ווער וויל נישט זען שפע? ווער וויל נישט לעבן א רואיגער לעבן און פריי פון זארג און אנגעצויגענקייט.

יעדער וויל זוכה צו זיין צו אזא גוטער לעבן אבער נישט יעדער גלייבט אז מען קען אנקומען צו דעם.

לאמיר אייך מגלה זיין דעם סוד דערצו.

דער שליסל צו אזא לעבן איז צו לעבן א לעבן פאר יענעם - 'טראכטן' פון אנדערע - נישט פון זיך.

דער פרינציפ איז זייער פשוט. צו טון חסד מיט אנדערע, אבער נישט 'סתם חסד', נאר אמת'ע חסד, אוועקגעבן דער 'זיך' אליין פאר א צווייטן איד.

ווען מיר וועלן ארייננטראכטן אין זיך אליין וועלן מיר זען אז אלע שוועריגקייטן וואס א מענטש גייט אריבער האט איין שורש. דער שורש איז אז דער מענטש מיינט און גלייבט אז אלעס אויף די וועלט קומט זיך אים. אז אלעס קומט זיך אים וועט ער אייביג שפירן אז עס פעלט אים עפעס, ער וועט אייביג זיין נערוועז און גערעגט און זיך בייזערן אז מען האט צוגענומען פון אים וואס עס קומט זיך אים.

אבער אין די רגע וואס דער מענטש הייבט אן לעבן העכער, אז עס קומט אים נישט אלעס, אז ער איז געקומען אויף די וועלט צו זיין א 'געבער', א נותן, וועט זיין לעבן ווערן גרינגער און געשמאקער.

ווען אברהם אבינו האט געשיקט אליעזר אז ער זאל גיין נעמען א פרוי פאר יצחק אבינו, האט ער אים אנגעזאגט אז ער זאל נישט נעמען פאר יצחק א כנעניש'ע פרוי.

אין די לשון וואס אברהם אבינו נוצט שטייט אויך די ווארט 'אנכי', לא תקח אשה... מבנות הכנעני אשר אנכי יושב בקרבו". אברהם אבינו איז מדגיש דער 'אנכי', אבער נישט א פשוט'ער 'אנכי' נאר אן אנכי וואס איז יושב בקרבו.

אברהם אבינו זאגט צו אליעזר אז ער וויל נישט א פרוי וואס איז אַן 'אנכי' וואס ליגט אין זיך, איינער וואס זעט נאר זיך, נאר זיינע אינטערעסן, נאר זיינע געברויכן.

אזא איינער איז נישט פאסיג צו זיין די פרוי פון יצחק אבינו, און ווייל די כנענים זענען אזוי - וויל ער נישט פון זיי פאר יצחק אבינו.

ווען א מענטש לעבט פאר זיך איז די שפע באגרעניצט, אבער ווען א מענטש לעבט פאר יענעם עפענען זיך פאר אים די שערי השפע והפרנסה און הרחבה וכל מילי דמיטב.


# קלינג ארײן

# שפיר דעם טעם.

צענדליגע טויזנטע אידן פון די גאנצע וועלט
**לעבן א בעסערע און א געשמאקערע לעבן**
אדאנק די השגחה פרטית ליניע

**זיי דו אויך פון די גליקליכע - מאך דעם טעלעפאן קאלל**
און הייב אן לעבן א רואיגערע און באַטעמ'טע לעבן פול מיט מנוחת הנפש און ישוב הדעת

**פון ארץ ישראל**
+972-30-11-300,
**פון ארה"ב**
151-86-130-140,
**פון אנגליה**
0-330-3900-489,
**פון בלגיה**
0-380-844-28,
**פון ארגנטינה**
398-840-31,
**פון דרום אפריקה**
8755-18-521,
**פון אוקראינה**
380-947-100-633